**גוט יום טוב אלע אידן.** דער מעשה איז געשען נישט לאנג צוריק אין ארץ ישראל. רב ירוחם מיללער איז א רב אין בת ים א שטאט אין דעם דרום זייט פון תל אביב. איין טאג האט ר' ירוחם באשטעלט א טעקסי ווייל ער האט געוואלט פארן קיין בני ברק וואו ער האט געהאט א פגישה מיט רב שך זצ"ל, 4:30 נאכמיטאג. ר' ירוחם איז געשטאנען אויפן גאס אפאר מינוט פריער ווייל ער האט געוואלט גלייך כאפן דעם טעקסי כדי אנצוקומען באצייטענס. אפאר מינוט שפעטער איז טאקע אנגעקומען דעם טעקסי.

דער טעקסי דרייווער איז געווען א פרייער איד וואס האט געהייסן "בעני." ר' ירוחם האט כסדר פרובירט צו מקרב זיין אידן. וועגן דעם האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט דעם דרייווער. דער דרייווער האט שטילער געמאכט דעם מוסיק, כדי ער זאל קענען רעדן מיט ר' ירוחם. אפילו דער דרייווער האט בכלל נישט געוויזן קיין אינטערעס אין אידישקייט, האט ר' ירוחם נאכאלס פרובירט אים מקרב צו זיין, ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן די השפעה וואס איינעמס ווערטער קענען האבן אויף א צווייטן. אזוי ווי צדיקים פלעגן זאגן "קיין ווארט איז נישט פארפאלן."

בקיצור האט ר' ירוחם אנגעהויבן צו רעדן וועגן אידישקייט מיט בעני. נישט נאר דאס אז בעני האט נישט געוויזן קיין אינטערעס אין אידישקייט, אבער, ער האט אפילו געמאכט חוזק פון עס, השם ירחם! ר' ירוחם האט געוואלט אים קעגנעשטעלן אויף יעדע נקודה, אבער ער האט געוואוסט אז דאס איז נישט די וועג צו מקרב זיין די פרייע חברה. ווייל "אם אין יראה. אין חכמה," (אבות ג,יז) איינער וואס האט נישט קיין יראת שמים קען נישט משיג זיין קיין תורה. ר' ירוחם האט געהאט אסאך נסיון אין דעם תחום, ד"ה קירוב רחוקים, און ער האט פארשטאנען אז די בעסטע וועג מיט רוב פון די חברה איז קודם צו ווייזן דעם שיינקייט פון אידישקייט און נאר נאכדעם אויסלערנען די חכמה פון תורה. וועגן דעם האט ר' ירוחם זיך צוריקגעהאלטן פון ענטפערן שארף פאר דעם עם הארץ תינוק שנשבה, נאר ער האט פרובירט ארויסצונעמען אפאר פאזיטיווע נקודות וועגן אידישקייט.

זיי האבן זוכה געווען צו האבן קפיצת הדרך און דער טעקסי איז אנגעקומען 15 פריער ווי ר' ירוחם האט זיך פארגעשטעלט. בעני האט פארמאכט דעם טעקסי מיטער (וואס מעסט די פרייז פון דעם וועג) און ער האט געזאגט דעם פרייז פאר ר' ירוחם.

אלס נייגעריגקייט האט בעני געפרעגט ר' ירוחם וועמען ער איז געקומען צו באזוכן אין בני ברק. ר' ירוחם האט אים געזאגט אז ער קומט צו באזוכן רב שך זצ"ל. בעני האט גאר נישט געזאגט און ר' ירוחם האט פארשטאנען אז בעני האט נישט געוואוסט ווער רב שך איז!

"דו מיינסט צו זאגן אז דו ווייסט אפילו נישט ווער רב שך איז?" האט ר' ירוחם געפרעגט בעני מיט ערשטוינונג אין זיין קול.

"זאג מיר נאר פארוואס עס זאל זיין א חילוק ווער ער איז!" יעצט האט בעני אנגעהויבן צו רעדן חוצפהדיק נאכאמאל. "פארוואס דארפסטו גיין צו אן אלטען רבי!?!"

ר' ירוחם האט מסביר געווען פאר בעני אז ער איז געקומען צום רב שך שואל עצה צו זיין אויף עטליכע שאלות נוגע צו זיין קהילה אין בת ים. נישט נאר דאס, אבער ער האט אויך געוואלט מזכיר זיין אפאר חולים פאר רב שך.

די לעצטע פאר ווערטער וואס ר' ירוחם האט גערעדט האט אפעס אויפגעוועקט אין בעני. פלוצלינג האט ער אראפגעהאנגען זיין קאפ טרויעריקערהייט. ר' ירוחם האט געזען א עפענונג, און ער האט געוואלט עס אויסשפילן.

"פארוואס קוקסטו אויס אזוי צובראכן?" האט ר' ירוחם געפרעגט. "קענסטו עמיצן וואס איז קראנק?" האט ר' ירוחם געפרעגט ווייטער.

"אין אמת'ן אריין, איך האב גראדע א חבר וואס איז זייער נישט געזונט..." זיין קול איז פלוצלינג שטיל געווארן, אזוי ווי ער האלט צוריק טרערן. ר' ירוחם זאגט אים ער זאל זיך פארבינדען מיט אים און אריינגיין צוזאמען צום ראש הישיבה. ר' ירוחם האט אפילו פארלייגט פאר בעני אז ער איז גרייט צו באצאלן פאר די צייט וואס בעני וועט נישט ארבעטן, כדי בעני זאל נישט האבן קיין סיבה נישט מסכים צו זיין. בעני האט ב"ה מסכים געווען.

בעני איז געווען נערוועז אויפן וועג אריים צום רב שך. ער איז קיינמאל נישט אריינגעגאנגען צו א גדול. מען האט פארשאפט פאר אים א קאפל און ער האט עס אנגעטון פאר זיי זענען אריינגעגאנגען. רב שך האט זיי זייער ווארעם אויפגענומען, דורך דעם איז בעני גלייך בארוהיגט געווארן. רב שך האט גערעדט אביסל מיט ר' ירוחם שטילעהייט אויפן זייט, דאן האט רב שך געזאגט צו בעני, "איך פארשטיי אז דו האסט א חבר וואס איז נעבאך נישט געזונט, און ער דארפט א ברכה און תפילות, כדי ער זאל האבן א רפואה שלימה."

בעני האט געשאקלט זיין קאפ צו ווייזן אז ער איז מסכים מיט דעם רב'ס ווערטער. ער איז געווען צו איבערגענומען צו רעדן צוליב דער יראת הכבוד וואס ער האט געהאט פאר דעם ראש הישיבה. בעני איז אויך געווען אביסל איבערראשט אז ר' ירוחם האט שוין מזכיר געווען זיין קראנקען חבר פארן רב, בעפאר זיין אייגענע שאלות וועגן די קהילה און די אנדערע חולים וכו'. "יא, דאס איז אמת..." האט בעני סוף כל סוף געענטפערט.

רב שך האט דעמאלט ארויסגענומען א סידור פון דעם ספרים שראנק און ער האט אנגהויבן צו זאגן אפאר קאפיטלעך תהלים. ווען רב שך האט זיך געענדיגט זאגן תהלים, האט בעני אים געבעטן אז ער זאל מאכן א "מי שברך" פאר דעם חולה. (עס זעט אויס אז די ביסל אידישקייט האט בעני יא געקענט.)

דער ראש הישיבה האט גלייך אנגעהויבן צו זאגן דער נוסח פון דעם מי שברך. ער האט זיך אפגעשטעלט ביי די נאמען, כדי בעני זאל עס קענען זאגן. בעני האט געזאגט דעם נאמען "ראקי" וואס איז זייער א מאדענע נאמען, און רב שך האט אים אפילו אנגעקוקט אנדערש. בעני האט מסביר געווען אז זיין קראנקער חבר איז נישט וועניגער ווי זיין הונד!

דער ראש הישיבה האט נישט צוריקגעהאלטן איין רגע, נאר ער האט ווייטער געזאגט דעם מי שברך. ר' ירוחם איז געווארן מוראדיג פארשעמט, אבער עס האט נישט אויסגעקוקט אז עס האט געשטערט רב שך בכלל. בעני איז בארוהיגט געווארן און ער איז באלד נאכדעם ארויסגעגאנגען לאזענדיק ר' ירוחם צו רעדן מיט רב שך. עס איז געווען א גרויסע קידוש ה' און דורך דעם איז בעני געווארן נענטער צום אידישקייט.

נאכדעם וואס בעני איז ארויסגעגאנגען האט רב שך געזאגט פאר ר' ירוחם אז די תהלים און מי שברך זענען געווען מער וויכטיג פאר בעני ווי זיין הונד. ווייל אויב רב שך האט געקענט משמח זיין א איד און ממעט זיין זיין צער, איז עס געווען כדאי.

פון דעם מעשה זעט מען דעם כח פון אהבת ישראל, וואס איז אן ענין וואס איז שייך צו דעם יום טוב פון סוכות. סוכות ווערט אנגערופן "זמן שמחתנו" – די צייט פון אונזער שמחה. "אונזער שמחה" מיינט נישט נאר די שמחה פון "מיר" און "מיין משפחה," נאר, "זמן שמחתנו" איז משמע אז מען דארף מאכן זיכער אז אלע אידן זענען בשמחה.

סוכות איז א צייט ווען עס זענען דא אסאך נסיוניות אין די מצוות בין אדם לחבירו, למשל מיט די שכנים בשעת מען בויעט די סוכה, ביים קויפן די ד' מינים, וכו'. מען האבן אויך געהאט יעצט די געלעגענהייט צו מרבה זיין אין אהבת ישראל דורך העלפן יענעם אדער בארגן טולס פאר יענעם וגו'.

דורך ליב האבן און אכטונג געבן אויף יענעמס כבוד בפרט אין דעם הייליגען יום טוב פון סוכות, וועלן מיר אלע זוכה זיין אי"ה צו אלע השפעות טובות פון זמן שמחתנו. **גוט יום טוב אלע אידן.**

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא
לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר מתתי' וואלפבערג (845) 362-3234

גוט יום טוב **אלע אידן**. יעצט פרייען מיר זיך מיט די תורה אין די הייליגע ימים טובים פון שמיני עצרת מיט שמחת תורה. די פאלגענדע מעשה גייט אונז ווייזן דעם מסירת נפש פונעם קלויזענבארגער רבין זצ"ל אין די ימים טובים. דער מעשה וועט אונז אויך מחזק זיין אין דעם ענין פון לימוד התורה ווייל שמחת תורה איז דאך א יום טוב ווען מען פרייט זיך פון לימוד התורה. ווייל וואס איז די שמחה פון שמחת תורה אויב נישט די שמחה פון לימוד התורה?

ווי מער א איד לייגט זיך אריין אין זיין קובע עתים לתורה דורכן יאר, וועט ער זיך פרייען מער אין שמחת תורה. ווייל מיט דעם וואס ער האט געלערנט תורה דורך דעם יאר, האט ער געוויזן זיין מדרגה אין ליב האבן די תורה. די ענין איז גלייך צו א סעודת תפילין לייגן אדער בר מצוה. געוועהנטליך שפירן די עלטערן און זיידעס א גרעסערע שמחה ביי די סעודה ווי די פרעמדע מענטשן וואס געפינען זיך דעמאלט אין בית מדרש בשעת די סעודה. ווייל די עלטערן האבן אסאך אריינגעלייגט אין דעם קינד אים אויפצוהאדעווען אז ער זאל מיט דעם אייבערשטענס העלף אויפוואקסן ערליך. אבער א פרעמדער מענטש האט אמאל מער הנאה פון דעם עסן, מער ווי ער פרייט זיך מיט דעם קינדס ווערן בר מצוה. אזוי איז עס אין שמחת תורה. א איד וואס האט געלערנט ווי מער עס איז געווען שייך דורך דעם יאר, האט מער א טעם אין די שמחה פון שמחת תורה, ווייל זיין נשמה איז מער נוגע צו דער הייליגער תורה.

איינער וואס וויל שפירן אן אמתע שמחה נאך די יאר אין שמחת תורה, אפילו ער האט נישט געלערנט ווי עס דארף צו זיין לעצטע יאר, קען זיך נאכאלס אריינכאפן דורך מקבל זיין אויף זיך צו זיין נאך מער מקפיד מיט זיין סדרים. ווייל מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה (קידושין מ.) לאמיר יעצט אנהייבן דעם מעשה וואס ווייזט אויף איין צדיק'ס עבודה אין ש"ע און ש"ת.

עס איז געווען באלד פאר שמיני עצרת, און דער קלויזענבארגער רבי רב יקותיאל יהודה האלבערשטאם זצ"ל האט זיך צוגרייט פאר דעם גרויסן יום טוב. דער רבי'ס הכנות יענע יאר זענען געווען אנדערש אבער ווי אלע אנדערע יארן. ווייל דער רבי האט זיך ליידער געפינען אינטער דעם אכזריותדיגען האנד פון די דייטשע רשעים ימ"ש אין די צייט פון דער מלחמה. "די ווילדע חיות קענען טון וואס זיי ווילען, אבער, איך גיי נישט ארבעטן די טאג [פון שמיני עצרת.]" האט דער רבי געזאגט מיט דעם זעלבען שטאלצקייט מיט וואס ער איז באקאנט געווען. צוליב דעם רבינ'ס החלטה נישט צו ארבעטן, האבן די חסידים וועלכע זענען געווען מיט אים אין לאגער, בפרט ר' משה איינהארן, געדארפט טרעפן א וועג ווי אזוי צו פטרן דעם רבין פון דארפן ארבעטן. דאס איז נישט געווען קיין גרינגע זאך.

דער לאגער וואו זיי זענען געווען האט געהייסן מעלדארף. עס איז געווען גאר ווייט פון קלויזענבארג, נישט נאר בגשמיות נאר אויך ברוחניות. די חסידים האבן געדענקט שמחת תורה אינדערהיים אין קלויזענבארג ווען זייער רבי האט געטאנצט מיט דער תורה און אלע האבן אים אנגעקוקט מיט גרויס התלהבות.

די חסידים האבן גערופן דעם אידישן דאקטאר פון דעם לאגער, דר. גרינבוים. דר. גרינבוים האט מסכים געווען אז דער רבי זאל נישט ארבעטן שמיני עצרת. דער דאקטאר האט דעם רבין אנגעקוקט און דאן האט ער געזאגט אז דער רבי איז געווען צו שוואך צו ארבעטן דעם שווערן ארבעט וואס זיי האבן געצוואונגען די איינגעשפארטע צו טון. די חסידים האבן אויך געדארפט געבען שוחד כדי דער רבי זאל ווערן געשיקט צום קליניק (שפיטאל) אין לאגער.

באלד פאר שמיני עצרת האט ר' משה איינהארן געהערט אז די רשעים האבן געפלאנט צו מאכן א "סעלעקציע," ד"ה, ווען זיי פלעגן דורכקוקן יעדען איינעם צו זען אויב זיי זענען ראוי צו ארבעטן אדער נישט. די גאר שוואכע וואס זענען נישט געווען ראוי צו ארבעטן זענען ליידער אומגעקומען על קידוש השם. וועגן דעם האט ר' משה געוואוסט אז דער מצב איז ערנסט. יעצט אז זיי האבן אזוי סאך געמוטשעט צו שיקען דעם רבין אין קליניק אריין, האבן זיי געדארפט אים ארויסנעמען, ווייל דעם ערשטען פלאץ וואו די סעלעקציע וועט זיך אנהייבן וועט זיין אין דעם קליניק. ר' משה איז געגאנגען בעטן דר. גרינבוים אז ער זאל צוריקציען פון זיינע ווערטער וועגן דעם רבין קראנקען מצב. זיי האבן געדארפט עס טון שנעל, ווייל די סעלעקציע האט געקענט אנהייבן יעדע רגע. דר. גרינבוים האט עס ב"ה ערלעדיגט אז דער רבי זאל קענען צוריקגיין צום באראק, דער בנין וואו אלע אנדערע אידן זענען געווען.

יעצט האבן זיי געהאט ליידער דעם זעלבען פראבלעם וואס זיי האבן געהאט ביים אנפאנג. ווייל דער רבי האט נאכאלס נישט מסכים געווען צו ארבעטן יום טוב. (על פי הלכה האט מען לכאורה געטארט ארבעטן יום טוב, ווייל עס איז געווען פיקוח נפש. אבער ביי א מפורסם בחסידות איז פאראן אין הלכה אז מען מעג זיך מוסר נפש זיין ואכמ"ל.)

עס איז געקומען דעם הייליגען טאג פון ש"ע. אזוי ווי עס איז באוואוסט, יעדען טאג אין לאגער, האבן די דייטשע ימ"ש געמאכט א נעמען-אויסרוף, ד"ה, אלע איינגעשפארטע האבן געדארפט שטייען אין שורות און ענטפערן ווען מען האט אויסגערופן זייער נעמען, און נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן זייער ארבעטסטאג. יום טוב איז נישט געווען אנדערש פאר די גוים און זיי האבן געמאכט ש"ע אינדערפרי דעם נארמאלע נעמען-אויסרוף. דער רבי איז אבער נישט ארויסגעקומען פונעם באראק.

אינמיטן דעם לאנגען נעמען-אויסרוף איז עס אנטפלעקט געווארן אז דער רבי איז נישט דארט געווען. די ווילדע חיות פיל מיט כעס זענען אריינגעלאפן צום בנין וואו זיי האבן געטראפן דעם רבין דאווענען דעם יום טוב דאווענען מיט א ברען, אפילו ער איז געווען אזוי שוואך. די סאלדאטן האבן באשטראפט דעם רבין און זיי האבן אים שטארק געשלאגן און געשטויסן. באין ברירה האט מען געדארפט ברענגען דעם רבין צו דעם קליניק. די חסידים האבן מורא געהאט וועגן די סעלעקציע וואס האט געדארפט אנהייבן יעדע רגע אין דעם קליניק. *המשך בפרשת בראשית.* גוט יום טוב **אלע אידן**.

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא

לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

גוט שבת אלע אידן. יעצט אז מיר האלטן "לבוד" צום שמחת תורה קענען מיר נאכאלס אריינכאפן אין די השפעות טובות פונעם יום טוב. איז לאמיר יעצט ענדיגען דעם מעשה וואס ווייזט אויף דער קלויזענבארגער רבינ'ס הייליגע עבודה אין די יום טוב.

*המשך פון פאריגע אויסגאבע...* באין ברירה האט מען געדארפט ברענגען דעם רבין צו דעם קליניק. די חסידים האבן מורא געהאט וועגן די סעלעקציע וואס האט געדארפט אנהייבן אין די קליניק. אבער יעצט האבן זיי גארנישט געקענט טון. זיי זענען צוריקגעגאנגען צום ארבעט. חוץ דעם וואס זיי האבן נישט געוואוסט וואס וועט זיין מיט זייער רבין, זענען זיי אויך צובראכן געווארן אז זיי האבן געדארפט ארבעטן אין דעם טאג ווען זיי פלעגן זיך אזוי שטארק פרייען צו זען זייער רבי טאנצן מיט דער תורה אין קלויזענבארג אינדערהיים נאר עטליכע יארן פריער.

זיי האבן געארבעט דעם גאנצען טאג ביז זיי האבן געהערט דעם פייף פון די סירענער וואס האט זיי מודיע געווען אז זיי מעגן אויפהערן צו ארבעטן. אויפן וועג צוריק צו דעם באראק, האבן אפאר חסידים זיך אונטערגעגנבעט פון די גרופע און זיי זענען געגאנגען צו דעם קליניק צו זען וואס טוט זיך מיט דעם רבין. זיי האבן נישט געוואוסט וואס זיי גיין טרעפן.

זיי זענען ארומגעגאנגען שטילערהייט אין דעם קליניק, באקוקן יעדען צימער כדי צו טרעפן זייער טייערן באליבטן רבין. פלוצלינג האבן זיי זיך אלע אפגעשטעלט. זיי זענען אנגעקומען צו דעם צימער וואו דער רבי האט געדארפט זיין. זיי האבן אריינגעקוקט דורך דעם צעבראכענע פענסטער און זיי האבן נישט געגלייבט וואס זיי האבן זען. אין מיטן דעם שטוב איז געשטאנען א בענקל, וואס איז געווען אזוי ווי א בימה. אויף דער "בימה" איז געווען וואס איז איבערגעבליבן פון א משניות פון סדר מועד. ארומטאנצן דעם "בימה" איז געווען זייער הייליגער רבי. זיין פנים האט געשיינט מיט שמחה בשעת ער האט געטאנצט די הקפות. עס איז נישט געווען דארט קיין טאטעס וואס האבן אויפגעהויבן זייער קינדער צו זען דעם הייליגען רבין, און עס איז נישט געווען דארט חסידים וואס האבן זיך געשטיפט צו האבן א גוטע בליק. אבער די שמחת התורה איז יא געווען!

ב"ה אז דער קלויזענבארגער רבי האט איבערגעלעבט דער מלחמה און ער האט זוכה געווען אויפצובויען זיין חסידות נאכאמאל. און ער האט ב"ה אויך זוכה געווען צו טאנצען אין שמחת תורה ארומגענומען מיט זיין חסידים.

דאס וואס דער רבי האט זיך געפרייט אזוי שטארק אין שמחת תורה ווייזט אונז א שטארקע מוסר השכל. חוץ דעם וואס עס ווייזט אויף דעם מסירת נפש פונעם קלויזענבארגער רבין, אבער, דער מעשה טוט אונז אויך מחזק זיין אין דעם ענין פון לימוד התורה.

יעצט אז מען פרייט זיך מיט דעם תורה זאל מען געדענקען אז יעדער איינער דארף קובע עתים לתורה זיין לויט זיין מעגליכקייט. אזוי ווי מיר ליינען אין פסוק דריי מאל יעדען טאג, "...ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך." ד"ה מען זאל כסדר רעדן דברי תורה אינדערהיים, אויפן וועג, ווען מען לייגט זיך אראפ שלאפן ביי נאכט און ווען מען שטייט אויף אינדערפרי. און דוד המלך ע"ה זאגט אונז וועגן א צדיק אז "כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה." ד"ה, ער האט חשק צו תורה, און ער טראכט פון תורה טאג און נאכט.

חז"ל זאגן אז ווען א איד קומט ארויף צום בית דין של מעלה פרעגט מען אים: "קבעת עתים לתורה?" (שבת לא.) דער של"ה הקדוש ברענגט אז איינער וואס איז טרוד על המחיה ועל הכלכלה דארף לערנען תורה "בכל העיתות שהוא פנוי מעסקיו וצרכיו." יעדע רגע וואס ער איז נישט עוסק אין פרנסה. (מסכת שבועות ־ פרק נר מצוה יא)

הרה"ג ר' משה פיינשטיין זצ"ל פלעג מסיים זיין משניות יעדען יאר נאר פון די משניות וואס ער האט געלערנט ווען ער האט צוזאמענגעלייגט זיין טלית און תפילין! מען זעט פון דעם וויכטיגקייט פאר יעדער איינער צו לערנען תורה ווי מער עס איז שייך.

די וואך הייבט מען אן די הייליגע תורה מיט פרשת בראשית. וועגן דעם מוזן מיר עפעס רעדן וועגן דער פרשה, אפילו דער עולם איז נאכאלס איבערגענומען מיט גרויס שמחה פון די הייליגע ימים טובים. איז לאמיר יעצט דערציילן א קורצע מעשה אויף די פרשה, און דעמאלט גיין מיר ארויסנעמען פען דעם מעשה א מוסר השכל וואס וועט אונז אי"ה באגלייטן דעם גאנצע יאר דורך אלע קומענדיגע פרשיות.

ווען דער בעל התניא זצ"ל איז איינגעשפארט געווארן אין תקנ"ח דורך דעם צאר ימ"ש'ס פאליציי, האבן זיי אים געלייגט אין תפיסה אין ס. פעטערסבארג. די רעגירונג האט אים געמשפט צום מות ל"ע צוליב זיינע "אויפשטאנד" קעגען דער מדינה. פארשטייט זיך אז דאס איז אלעס געווען סתם אן עלילה, א בלבול.

איין טאג האבן זיי אריינגעשיקט דער הויפט פון דעם רוסישען פאליציי כדי אויסצופרעגן דעם רבין וועגן זיינע "מרד" במלכות. דער אפיסער האט מען געהאלטן פאר א קלוגער מענטש. ווען דער אפיסער איז אריינגעקומען אין דעם שמוציגען צימער וואו זיי האבן געהאלטן דעם רבין, האט ער גלייך געזען אז ער האנדעלט זיך נישט מיט קיין פשוטער מענטש.

כאטש ער איז געווען א גוי, איז דער אפיסער אביסל באקאנט געווען מיט פסוקים פון דער תורה. דער אפיסער האט געזאגט פארן רבין: "איך האב א שאלה אויף תנ"ך וואס איך וויל דיך פרעגן. זענט איר גרייט מיך צו ענטפערן?"

"פרעג דיין שאלה..." האט דער רבי געענטפערט דעם ערל.

"ביטע זיי מיך מסביר דעם באדייטונג פונעם פסוק 'ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה.' צו דען האט ג–ט נישט געוואוסט וואו אדם איז געווען?"

"גלייבט איר..." האט דער רבי אנגעהויבן צו זאגן, "אז די תורה איז נצחיות און עס איז אמת און שייך פאר יעדען דור פאר יעדען מענטש?"

"יא, איך גלייב אזוי," האט דער גויאישער אפיסער געענטפערט.

"דאס... איז דער פשט פונעם פסוק: יעדע רגע אין א מענטש'ס לעבן רופט אים אן א קול פונעם אייבערשטער און פרעגט אים דער אייבערשטער, 'איכה – וואו ביסטו? ווי האלסטו אין די וועלט?... טראכט איר..." האט דער רבי געזאגט ווייטער פארן אפיסער וואס איז געשטאנען מיט אן אפענע מויל צוהערן די הייליגע ווערטער פונעם צדיק. "איר, למשל, האט געלעבט כך וכך יארן אויף די וועלט," האט דער רבי געזאגט אויסרעכענדיג פונקטליך דעם עלטער פונעם אפיסער, "וואס האט איר געטון מיט די יארן? זענט איר געווען גוט צו אנדערע מענטשן אין די יארן וואס איר האט געלעבט ביז יעצט?"

דער אפיסער איז געווארן איבערגענומען מיט דעם חכמה פונעם צדיק. ער האט געקלאפט אויף דעם הייליגן אקסעל פונעם רבין און ער געזאגט "בראוואו!" (יישר כחך!)

נאך עטליכע מאל רעדן מיטן רבין, איז דער אפיסער געגאנגען צו דעם צאר אליינס זאגענדיק אז לכאורה האבן זיי נישט געהאט דעם ריכטיגען מענטש ווייל אזא חכם קען נישט זיין שולדיק! שפעטער האט זיי ב"ה אויסגעלייזט דעם רבין.

מען קען ארויסנעמען צוויי לימודים פון דער מעשה. איינס איז דעם פשוטן מוסר וואס דער בעל התניא האט געזאגט, ד"ה, א איד דארף כסדר מתבונן זיין אויף זיין רוחניותדיגע מדריגה אין לעבן. צווייטענס, דארפן מיר געדענקן אז יעדע ווארט אין די הייליגע תורה איז נצחיות און איז שייך אין אונזער לעבן, און אלעס קומט אונז צו לערנען עפעס וועגן דעם ריכטיגען וועג אין לעבן. דורך ארויסנעמען די צוויי נקודות פון דעם מעשה, בצירוף געדענקען דעם מעשה מיט דעם קלויזענבארגער רבין, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו שפירן דעם שמחת התורה דורך דעם גאנצן יאר. **גוט שבת אלע אידן.**

**לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא**

**לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה**

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

**לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**